ו, אין פ' וילך איז פאראן א קליינע רש"י וועלכע מפרשים שטעלן זיך אויף איהר און זיינען איר מבאר בקיצור, און עס בלייבט נאך כמה קושיות ניט קיין פארענטפערטע. און מיט דער רש"י ווערט אויך פארענטפערט דעם דאגאטשאווער'ס א קשיא וואס ער פרעגט אין דעם פסוק,

וכידוע אז נאר אין געציילטע ערטער בלייבט ער בא א קשיא אן א תירוץ, און עס איז אויך מובן – דער רבי האט דאך אים אנגערופן "שר התורה", און ער איז דאך געווען כמעין הנובע. פונדעסטוועגן אבער איז פאראן בכמה מקומות וואס ער בלייבט ביי א קשיא, און אזוי אויך די קשיא וואס אין דעם פסוק פארענטפערט ער איר ניט, און מיט דער רש"י ווערט די קשיא בפשטות אראפגענומען.

אויף דעם פסוק פון "ויכתוב משה וגו' ויתנה" (לא, ט.) זאגט רש"י: "כשנגמרה כולה נתנה לבני שבטו" (אז בשעת משה רבינו האט געענדיקט שרייבן די גאנצע ספר תורה האט ער דאס אפגעגעבן לבני שבטו, שבט לוי),

מפרשי רש"י ווילן זאגן אז כוונת רש"י דא איז, מ'זאל ניט זאגן אז די ס"ת איז געווען געשריבן נאהר ביז די פרשה און ניט ווייטער, נאר "כשנגמרה כולה", האט ער דאס זיי אפגעגעבן,

אזוי איז אויך מובן בפשטות, ווארום א האלבע זאך גיט מען דאך ניט. דערמיט איז אויך פארשטאנדיק דאס וואס רש"י ברענגט אין דיבור המתחיל אויך דעם ווארט "ויתנה", ווארום אויב בלויז מצד "ויכתוב" איז ניטא קיין הכרח אז ס'איז געווען "נגמרה כולה", וויבאלד אבער עס שטייט אין פסוק "ויתנה" איז דאס מכריח זאגן אז ער האט דאס פארענדיקט, ווארום אויב ניט וואלט ער דאס ניט אפגעגעבן.

לויט דעם איז לכאורה ניט פארשטאנדיק:

א) אויב אז דאס וויל רש"י מפרש זיין, וואס דארף רש"י מוסיף זיין די ווערטער "לבני שבטו", וואס איז נוגע ווועמען ער האט דאס אפגעגעבן, רש"י וויל דאך מערניט אפטייטשן אז דאס איז געווען "נגמרה כולה"?

ב) נאך שטארקער ווערט די קשיא: אין פסוק שטייט גאר לכאורה פארקערט, אין פסוק שטייט "ויתנה אל הכהנים בני לוי", האט ער דאס דאך געגעבן נאר צו די כהנים, אבער ניט צו גאנץ שבט לוי.

הגם עס שטייט דאך "בני לוי", איז דאך אבער אלעמאל דער פירוש אז דאס איז ניט פארנאנדערגעטיילט אויף צוויי באזונדערע ענינים "הכהנים" באזונדער און "בני לוי" באזונדער, נאר דער טייטש איז די "כהנים" וואס זיי זיינען "בני לוי" (פון שבט לוי), אויב אזוי איז דאך דאס ניט לשבטו, ווייל משה איז דאך גאר געווען א לוי?

ג) פארוואס דארף רש"י אראפברייגען אין דעם דיבור המתחיל פון דער פסקא אויך דעם ווארט "משה", וואס איז דאס נוגע אין דעם פירוש וועלכן רש"י זאגט, רש"י וואלט, לכאורה, געקאנט אראפברייגען די ווערטער "ויכתוב וגו' ויתנה"?

דער ביאור בכל הנ"ל איז:

בשעת מ'לערנט דעם פסוק שטעלט זיך גלייך די שאלה: אין פסוק שטייט נאכדעם ווי ער זאגט "ויתנה לכהנים" – "ואל כל זקני ישראל", וואס דאס מיינט אז ער האט געגעבן פאר <u>אלע</u> שבטים, ווערט גלייך שווער פארוואס האט משה ניט געגעבן אויך פאר שבט לוי, פון פסוק ווייס מען נאר אז ער האט געגעבן צו די כהנים און צו די איבעריקע שבטים, אבער ניט פאר שבט לוי,

איז דאס מכריח לערנען אז דאס וואס משה האט דאס געגעבן צו די

כהנים

כהנים, איז דאס ניט געווען מצד דערויף וואס זיי זיינען געווען כהנים, נאר דאס איז געווען פאר שבט לוי, און די כהנים זיינען געווען די פארשטייער פון שבט לוי, וכל' רש"י "בני שבטו".

אויב אזוי שטעלט זיך די שאלה פארוואס האט מען געדארפט אויסטיילן שבט לוי משאר שבטי ישראל, לכאורה האט מען דאך געקענט אין "לכל זקני ישראל" אויך כולל זיין שבט לוי?

דאס פארענטפערט רש"י דערמיט וואס ער ברענגט דאס ווארט "משה" פון פסוק,

ווארום לכאורה איז ניט פארשטאנדיק וואס דארף די תורה שרייבן "ויכתוב משה" די גאנצע פרשה רעדט זיך דאך וועגן משה ווארום דאס גייט דאך בהמשך צו פרשת וילך משה, וואו עס הייבט זיך אן ריידן וואס משה האט געטאהן, איז ווען עס וואלט געשטאנען "ויכתוב" סתם וואלט מען אויך געוואוסט אז דאס מיינט מען משה'ן.

וואס דערפאר טאקע דארף דאך רש"י ווייטער אויף דעם פסוק "ויצו את יהושע" (לא, כג) אפטייטשן אז "מוסב כלפי מעלה כו'", ווארום לולא פירש"י וואלט מען געלערנט אז דאס גייט אויף משה'ן, ווארום כל הפרשה רעדט זיך דאך וועגן אים, נאר דארטן וואו רש"י האט א הכרח אין פשוטו של מקרא איז ער מפרש אז "מוסב כלפי מעלה",

איז וואס האט דער פסוק דא געדארפט שטעלן "ויכתוב משה"?

נאר דערמיט וואס דא ווערט דערמאנט "משה" פארענטפערט רש"י די שאלה פארוואס מ'האט אויסגעטיילט שבט לוי באזונדער פון אלע שבטים,

ווייל די תורה וויל דא מדגיש זיין, אז אע"פ וואס משה איז געווען א רועה נאמן לכל ישראל, פונדעסטוועגן האט ער פריער באווארנט די וואס האבן מעהרער שייכות צו אים, וואס דאס איז שבט לוי, "בני שבטו",

וע"ד ווי דער דין עניי עירך קודמין. און ווי מ'געפינט אויך אזוי בא דעם כהן גדול אז ווען ער פלעגט אריין גיין אין קדש הקדשים האט ער פריער געבעטן א כפרה לבני ביתו און דערנאך פאר אחיו הכהנים, און ערשט דערנאך פאר כל עדת ישרון און אזוי זאגט מען אויך אין דעם "יהי רצון פון יוהכ"פ, וואס איז גענומען געווארן פון תפלת כה"ג.

וואס דאס איז אויך מצד דעם טעם, אז פריערט דארף מען באווארענען די וואס האבן מעהרער א שייכות מיט אים.

מ'דארף נאך אבער אלץ פארשטיין פארוואס פון "בני שבטו", האט ער דאס ניט אפגעגעבן פאר דעם גאנצן שבט, נאר ער האט געגעבן צו פארשטייער פון שבט, צו די "כהנים",

און דאס איז געווען — וויבאלד אז "ויבדל אהרן להקדישו" זיינען דאך כהנים מקודש יותר, איז עפ"י דין דארף מען זיי מקדים זיין פאר א צווייטן. (איז געגעבן האט ער דאס טאקע צו "בני שבטו", נאר אלץ פארשטייער האט ער אויסגעקליבן "כהנים" ווארום זיי זיינען מקודש יותר משאר השבט).

און מיט די רש"י ווערט פארענטפערט דעם ראגאטשאווער'ס א קשיא:

דער ראגאטשאווער שטעלט זיך אויף דעם פסוק "הכהנים בני לוי", און פרעגט בשלמא אין אנדערע ערטער וואו עס שטייט דער לשון "הכהנים בני לוי" (ע"ד ווי עגלה ערופה און ברכת כהנים) איז מען מרבה בעלי מומין אז זיי גייען אויך אריין אין דעם כלל, "וכאן מאי"

— כידוע אז כשם ווי דער ראגאטשאווער איז געווען א מעין הנובע אין דיבור, אזוי פלעגט ער בכתב שרייבן בקיצור און ניט מבאר זיין וואס ער מיינט —



וכוונתו

וכוונתו בזה: בשלמא בא עגלה ערופה און ברכת כהנים קאן מען אזוי דרשנ'ען ווארום דאס זיינען דאך דינים וואס זיינען נוגע להורות קען זיך מאכן א שאלה ווי איז דער דין מיט א כהן א בעל מום, בא בא אונדז אבער איז דאך דאס ניט נוגע להלכה, ס'איז דאך א סיפור המעשה, און יעמולט איז דאך בכלל ניט געווען קיין כהנים בעלי מומין, ווארום ס'איז געווען מערני ווי אלעזר ואיתמר און פנחס אלץ כהנים, (און מ'געפינט אין ערגיץ ניט ס'זאל ווערן דערמאנט אז זיי זיינען געווען בעלי מומין) קען מען ניט זאגן אז דער פסוק קומט מרבה זיין בעלי מומין, איז פארוואס שטייט "בני לוי",

און דער ראגאטשאווער בלייבט מיט א קשיא.

מיט דער פירש"י ווערט עס בפשטות פארענטפערט: דא איז דער פירוש "בני לוי", אז ניט ער האט דאס געגעבן צו די כהנים אלץ כהנים, נאר צו די "כהנים" – אלס – "בני לוי", אלס פארשטייער פון בני לוי.

און דאס איז אויך מתאים צו דעם אופן ווי מיר דרשנ'ען אומעטום די ווערטער "בני לוי" – לרבות בעלי מומין,

ווארום עס שטייט אין ירושלמי און אין ספרי אז א כהן א בעל מום הייסט א זר, עד"ז איז א לוי לגבי א כהן, הייסט אויך א זר, ווארום א כהן איז מקודש יותר.

במילא איז פונקט ווי בא עגלה ערופה און ברכת כהנים איז דער "בני לוי" מרבה בעלי מומין, וואס זיי זיינען זרים לגבי א כהן כשר, עד"ז דער "בני לוי" בא אונז, וואס מיינט אז ער האט דאס געגעבן צו די כהנים, ניט מצד דעם וואס זיי זיינען כהנים, נאר מצד דעם וואס זיי זיינען בני לוי. 1)

און דא זעט מען ווי אלע חלקי התורה זיינען בלול איינע א פון די אנדערע, אז מיט א רש"י וואס איז מפרש פשוטו של מקרא ווערט פארענטפערט דעם ראגאטשאווערס א קשיא.

דהאט דא קומט מען צו דעם ענין וואס די גמרא זאגט אין בבא בתרא אז פאר אלע שבטים האט משה געשריבן ספרי תורות, און עס זיינען געווען י"ג ספרי תדרות, איז לכאורה ניט פארשטאנדיק פארוואס האט ער פאר די כהנים ניט געשריבן באזונדער א ספר תורה חוץ פון די וואס ער האט געשריבן פאר שבט לוי, ווארום די כהנים זיינען דאך אויסגעטיילט אין שבט לוי גופא.

(די קשיא איז א ענין בפ"ע – און איז ניט א קשיא אויף רש"י, נאר מיט דער רש"י ווערט דאס פארענטפערט)

עד"ז איז אויך ניט פארשטאנדיק ביי מחלוקת קרח, וואס נאך דעם האט יעדער נשיא פון יעדער שבט אוועקגעלייגט א מטה אויף זעהן ווער איז מקודש, און פאר שבט לוי האט אהרן אוועקגעלייגט, אבער פאר די כהנים בעזונדער האט מען ניט אוועקגעלייגט, וואס לכאורה איז דאס ניט פארשטאנדיק די גאנצע מחלוקת איז דאך געווען אויף די כהונה, אבער ניט אויף דעם כללות השבט, ווארום קרח אליין איז דאך אויך געווען פון שבט לוי, ווי עס שטייט אין פסוק "קרח בן יצהר בן קהת בן לוי", וואלט מען דאך געדארפט לייגן א מטה פאר די כהנים בעזונדער (אבער ניט נכלל ווערן אין שבט לוי)

אזוי איז

1) (כנ"ל איז דאך דער חלק הבני לוי שבכהנים כעין זרות לגבי חלק הכהנים שבהם, קומט אויס אז דער בני לוי דא איז מרבה זרים לגבי כהנים, פונקט ווי אומעטום וואו מ'איז מרבה בעלי מומין, וואס זיינען אויך זרים לגבי כהנים כנ"ל.

אזוי איז אויך ניט פארשטאנדיק בא דעם ענין וואס בא חנוכת המזבח איז געווען חלשה דעתו של אהרן, וואס אלע נשיאים האבן מקריב געווען קרבנות און ער מיט זיין שבט ניט איז אויף דעם געווען חלשה דעתו, האט אים דער אויבערשטער אויף דערוף געגנטפערט "חייך שלך גדול משלהם שאתה מדליק ומטיב את הנרות",

לכאורה איז דאך דער חלשה דעתו געווען אויף פאר דעם שבט, וואס זיי האבן ניט געהאט קיין אנטייל אין דעם חנוכת המזבח, איז מיט וואס זיינען זיי באווארנט געווארן דורך דעם וואס אהרן האט מדליק ומטיב געווען את הנרות, הדלקת הנרות איז דאך געווען צוליב דעם ענין הכהן שבו, אבער ניט מצד שבט לוי שבו, (דהרי זהו עבודת "כהנים")?

לפי הנ"ל וועט אויסקומען סיי לגבי די מטות און אזוי אויך לגבי חנוכת המזבח און לגבי הספרי תורה וואס משה האט געשריבן פאר די שבטים אז עס איז ע"ד ווי רש"י לערנט בא אונז דעם "ויתנה אל הכהנים בני לוי", אז אין די כהנים איז בא יעדערן פון זיי אויך פאראן דער חלק (נוסף על מעלת הכהונה) דאס וואס ער איז פון שבט לוי, און מצד חלק הלוי שבהם האט זיי משה געגעבן די ס"ת, ועד"ז איז בנוגע צו די אויבענדערמאנטע ענינים, אז דערפאר זיינען ניט געווען די כהנים באזונדער און לווים באזונדער ווייל מצד ענין פון שבט לוי, זיינען זיי ביידע גלייך.

דער ביאור אין דעם איז ע"פ פנימיות התורה "יינה של תורה" - ווארום אין רש"י איז דאך מרומז אויך יינה של תורה כדאיתא בשל"ה -

ע"ד ווי גערעדט פריער בנוגע כ"ה באלול און ר"ה, און מ'זאגט אז עס דארף זיין דער ענין פון כה לחי, וואס כה איז דאס כ"ה באלול און לחי איז דאס ר"ה, דארף זיין מ'זאל ממשיך זיין פון לחי (ר"ה) אין כה (כ"ה באלול), ולכאורה דארף מען פארשטיין אויב מ'האט שוין די מעלה פון ר"ה (לחי) וואס דארף מען צוקומען צו דעם ענין פון כ"ה אלול, ממשיך זיין דעם לחי אין כה, ר"ה אליין איז לכאורה גענוג?

נאר דאס איז ע"ד ווי ס'האט זיך גערעט אין דער התוועדות פון אחרון של פסח, בנוגע דעם חילוק פון לחם עוני און מצה עשירה, אז עס איז דא א מעלה אין לחם עוני - אתכפיא - אויף מצה עשירה - אתהפכא -,

אזוי אויך די מעלה פון כ"ה באלול אויף ר"ה, וואס עבודת כ"ה באלול איז עבודת אתכפיא, איז דאס כמעלת אתכפיא על אתהפכא.

עד"ז איז אויך דער חילוק פון כהן און לוי; וואס לוי אע"פ אז הוי' הוא נחלתו איז אויף איהם ניטא קיין איסור זיך מטמא זיין, און אפילו בשעת מען האט גוזר געווען אויף אוירא וגושא דחו"ל אז זיי זיינען טמא, איז אויף א לוי קיין איסור ניטא ארויסגיין אין חו"ל. משא"כ א כהן טאר זיך ניט מטמא זיין, און אזוי איז אויך בכאו"א אז די בחי' כהן שבאדם איז דאס דער ביהמ"ק שבאדם, וואס פונקט ווי אין ביהמ"ק טאר מען ניט אריינברענגען קיין טומאה אזוי אויך א כהן טאר זיך ניט מטמא זיין.

וואס דאס איז דער חילוק פון אתכפיא - לוי און אתהפכא - כהן. ענין האתהפכא הו"ע עבודת התשובה.

אזוי אויך אין אלע אויבענדערמאנטע ענינים פון מטות און חנוכת המזבח איז פאראן אין דעם א ענין של תשובה, ווארום דער עצם ענין פון חלשה דעתו איז דאס א ענין פון תשובה, און דא האט אויך אהרן (שהי' כהן) געהאט די שלימות ומעלה פון תשובה. און דערפאר טיילט מען ניט פאנאנדער לוי פון כהן, ווייל עס איז דארטן נוגע אויך די מעלת התשובה.

עד"ז אויך בא דעם ענין המטות איז דאס געווען א ענין של תשובה, ווארום דאס האט זיך גענומען מצד מחלוקותו של קרח - מנגד כו' ע"ד ענין התשובה.

אזוי אויך - _

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

אזוי אויך בא אונזער ענין פון "ויכתוב משה גו'", איז דאס א ענין של תשובה, וויבאלד ער קומט דאך לאחרי הקללות והתוכחות.

און דעריבער וויבאלד אז אהרן (מצד עצמו) איז מעלת האתהפכא און מצד שבט לוי מעלת האתהפכא ותשובה, איז אין די ענינים געווען די התכללות פון ביידע מעלות, שלמות פון ביידע ענינים, ווארום יעדער ענין האט זיך זיין מעלה און ער דארף אנקומען צום צווייטן.

( וזהו השלמות שבשבט לוי שיש בהם ב' המעלות, של אהרן מצ"ע (אתהפכא) ושל כל השבט (אתכפיא)).

( לאחר ברכה אחרונה אמר: )

אזוי ווי שבת איז דאך כולל כל ימי השבוע שלאחריו, איז דאך דאס כולל די לעצטע טעג פון שנה חולפת און די ערשטע טעג פון נייעם יאהר, זאל זיין כי בשמחה תצאו ובשלום תובלון ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה וכל עצי השדה ימחאו כף.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>